**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/25/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט SUNY באורד וועט ענדיגן איינפירונג פון צוריקהאלטן טראנסקריפטן פון סטודענטן מיט אומבאצאלטע באלאנסן

***אין 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט, האט די גאווערנער אנאנסירט פלאן אויפצוהערן טראנסקריפט צוריקהאלטן ביי אלע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן***

***נאכפאלגנדיג די גאווערנער׳ס אנווייזונג, טוט SUNY ענדיגן דער אויפפירונג, אין קראפט זאפארט***

***פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט אנטהאלט לעגיסלאציע צו ענדיגן באשטראפנדע חובות-איינקאסירונג ביי אלע העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק באורד אוו טראסטיס האט געענדיגט דער אויפפירונג פון צוריקהאלטן טראנסקריפטן פון סטודענטן מיט אומבאצאלטע באלאנסן, וועלכס גייט זאפארט אריין אין קראפט. דאס פאלגט נאך גאווערנער האקול׳ס [פלאן](#) צו עלימינירן דער אויפפירונג לענגאויס דעם סטעיט אלס טייל פון דער 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט — אריינגערעכנט אנווייזן פאר פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו זאפארט אויפהערן צוריקהאלטן טראנסקריפטן און פארשלאגן לעגיסלאציע פאר אלע העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס אין דעם סטעיט.

״בילדונג איז דער שליסל אויף אויפצושליסן געלעגנהייטן און צו העלפן ניו יארקער האבן ערפאלג, און מיר דארפן עלימינירן באשטראפנדע איינצוימונגען פאר געלעגנהייטן ווי טראנסקריפט צוריקהאלטן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דאס איז א ענין פון פשוט׳ע זין. ניו יארקער ווערן נישט קענען קריכן דעם לייטער פון ערפאלג און ארויסקריכן פון חובות אויב זייער פינאנציעלע ארויספאדערונגען האלטן זיי אפ פון באקומען די געלעגנהייטן. טראצדעם וואס איך בין שטאלץ אז SUNY סטודענטן ווערן מער נישט האבן זייערע טראנסקריפטן צוריקגעהאלטן, קומט זיך אבער פאר אלע סטודענטן די זעלבע באשיצונגען. מיר מוזן דורכפירן לעגיסלאציע צו ענדיגן דער אומ׳יושר׳דיגע איינפירונג פאר אלע ניו יארקער סטודענטן איינמאל פאר אלעמאל.״

יעדעס יאר גראדואירן ארום 50 פראצענט פון SUNY סטודענטן פון קאלעדזש אן קיין חובות. פונדעסטוועגן גראדואירן אבער אנדערע סטודענטן מיט אומבאצאלטע באלאנסן פון א דורכשניטליכע 3,500 דאלער, און ביז 2020, האבן ארום 19,000 סטודענטן נאך אלץ שולדיג געווען פאר זייער SUNY קאמפוס. מיט דער היינטיגער באורד אקציע קענען איצט די סטודענטן באקומען זייער טראנסקריפט, און דערביי ערמעגליכן פאר זיי זיך ווידער איינשרייבן אין א קאמפוס, טראנספערירן קרעדיטס, ענדיגן זייער דעגרי, און באקומען דזשאבס וואס קען זיי העלפן אפצאלן זייערע אומבאצאלטע באלאנסן. CUNY האט [אנאנסירט](#) א צייטווייליגע אפהאלט אויף דער אויפפירעכץ פאראיאר אויגוסט.

אלס טייל פון דער באשלוס, האט דער באורד ווו טראסטיס אויך באפולמעכטיגט דער SUNY קאנצעלאר, אדער אן אנדערער באשטימטער, איבערצוקוקן אלע חובות איינקאסירונג צוגאנגען און מאכן סיי וועלכע פאסיגע פאליסי ענדערונגען, תקנות, און אנדערע ענדערונגען אין איינקלאנג מיט די הייניטיגע אקציע. SUNY פאלגט נאך סטעיט פינאנץ געזעץ, ווי אויך דער סטעיט דיוויזיע פון דער בודזשעט אנווייז, SUNY רעגולאציעס און פאָליסי, און א מעמאראנדום פון פארשטאנד צווישן SUNY און דער ניו יארק אטורני גענעראל.

**SUNY צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטאנלי האט געזאגט,** ״סטודענטן קומען צו SUNY פאר אן אויסגעצייכנטע און צוגענגליכע קאלעדזש בילדונג, אפטמאל גאר א סאך אויפגעבן פון זיך פערזענליך פארלויפיג כדי צו גרייכן דער קאריערע פון זייערע טרוימען. אזוי ווייט אנצוקומען, און דערנאך צוריקגעהאלטן ווערן דורך אומבאצאלטע חובות און שטראף-אפצאל איז איינפאך אומ״יושר״דיג פאר אונזערע סטודענטן. מיין דאנקבארשאפט צו גאווערנער האקול פאר׳ן שיינען א ליכט אויף דער גרייז וואס איז געווען אן אלגעמיינע צוגאנג דורכאויס העכערע עדיוקעישן, און פאר׳ן ברענגען מער יושר'דיגקייט צו אונזערע עקאנאמישע אומגינסטיגע סטודענטן, וועלכע האבן גאר שווער געארבעט אויף צו פארדינען זייער דיפלאם.״

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די SUNY׳ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע סקולס, צוויי דענטאל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט׳ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סה״כ סערווירט SUNY ארום 1.3 מיליאן סטודענטן אין קרעדיט-שענקנדע קורסן און פראגראמען, אנגייענדע בילדונג, און קאמיוניטי ארייינציע פראגראמען. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג הוצאות לענגאויס דעם סיסטעם זענען באלד 1.1 ביליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2021, אריינגערעכנט באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. לערנט אייך מער איבער וויאזוי SUNY שאפט מעגליכקייטן [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)